**גוט שבת אלע אידן.** אין די יאר תרע"ח איז דער חפץ חיים זי"ע אלט געווען 88 יאר, און ער איז נעבאך שוין נישט געזונט געווען, ל"ע. אידן ארום דער וועלט, האבן מתפלל געווען אז דער צדיק זאל האבן א רפואה שלימה. דער ראש ישיבה פון ראדין איז דעמאלט געווען ר' משה לאנדינסקי. ר' משה און זיין זון ר' מרדכי זענען געווען גאר נונט מיט דעם ח"ח זי"ע. דער יונגערען ר' מדרכי איז געווען דער חפץ חיים'ס משמש. דערפאר, איז ר' מרדכי געווען נאך מער צובראכן ווייל זיין רבי איז געווען א גוסס ממש. דער חפץ חיים איז געווען דער רבי פון אסאך אידן. "ווער וועט פירען כלל ישרא' נאך דער הייליגע רבי'ס הסתלקות?" האט דער שמש מרדכי געטראכט.

איין טאג, שפעט ביי נאכט איז מרדכי געגאנגען אין בית מדרש און ער האט געזאגט תהלים די גאנצע נאכט פאר א רפואה שלימה פאר זיין רבין. ר' מרדכי האט געדאווענט און געזאגט תהלים מיט נאסע אויגן פול מיט טרערן. הגיע זמן קרית שמע של שחרית און ר' מרדכי איז נאך געווען אין בית מדרש זאגנעדיק תהלים.

ווען דער זון האט אנגעהויבן צו אריין שיינען אין בית מדרש, האט ר' מדרכי ארומגעקוקט צו זען אויב עס איז געווען עמיצן אין די בית מדרש. ווען ר' מרדכי האט געזען אז ער איז אליינס אין בית מדרש, איז ער געגאנגען קעגען איבער די ארון קודש. ר' מרדכי האט אזוי ליב געהאט זיין רבין, אז ער האט געוואלט טון עפעס מער ווי נאר דאווענען פאר דעם צדיק. דערפאר, האט ער געעפענט די ארון הקודש און געקושט די ספרי תורה און געזאגט: "רבונו של עלום." "כלל ישראל דארף דעם חפץ חיים. דערפאר בין איך גרייט אוועק צו געבן פינף יארן פון מיין לעבען צו דעם חפץ חיים כדי אז ער זאל האבן א רפואה שלימה." ר' מרדכי האט געענדיגט דאווענען. ער האט געטון אלעס וואס ער האט געקענט טון. ער האט צוגעמאכט די ארון הקודש און ער האט זיך אוועק געזעצט ביי זיין פלאץ אין בית מדרש. צוביסלעך איז די בית מדרש אנגעפילט געווארן מיט מתפללים וועלכע זענען געקומען דאווענען שחרית. ר' מרדכי האט נישט דערציילט צו קיינעם וואס ער האט געטוהן אין בית מדרש יענע נאכט.

א פאר טעג שפעטער איז די גוטע נייעס געהערט געווארן: דער חפץ חיים האט געהאט א רפואה שלימה! ער איז שוין ארויס פון דער סכנה! נאך א פאר וואכן, איז דער הייליגע חפץ חיים געווארן אין גאנצן געזונט, און ער האט ווייט געפירט כלל ישראל מיט מסירות נפש. ר' מרדכי האט זיך דערפרייט אז ער האט געקענט נאכאמאל באדינען דעם הייליגען חפץ חיים.

א שטיק צייט שפעטער איז ר' מרדכי אריינגעגאנגען צו דעם חפץ חיים. דער צדיק האט איהם גלאך געזאגט, "מרדכ'ע, דו דארפסט וויסן אז דיין תפילות זענען נתקבל געווארן אין הימעל." ר' מרדכי האט געמיינט אז דער צדיק רעדט בכלל וועגן ר' מרדכי'ס תפילות, אזוי ווי די גאנצע אידישע וועלט האט געדאווענט. אבער, דער חפץ חיים האט געהאט א טיפערער כוונה. "איך זאג דיך צו," האט דער חפץ חיים געזאגט ווייטער. "אז אין די זכות פון דעם וואס דו האסט מיך געגעבן, שענק איך דיר לאנגע יארן אזוי אלט ווי איך בין." ר' מרדכי איז געווארן איבערראשט. ווי אזוי האט זיין רבי געוואוסט וואס ער האט געטון אין די בית מדרש אפאר וואכן פריער?!

דער חפץ חיים, זי"ע, האט געלעבט נאך פינף יאר און ער איז נפטר געווארן אין תרצ"ג ביי די 93 יאר. ר' מרדכי לאנדינסקי האט נישט מפרסם געווען דעם מעשה ברבים, אבער ער האט עס יא דערציילט פאר זיין עלסטע זון ר' משה.

אין חודש סיון תשנ"ה, ווען ר' מרדכי איז אלט געווארן 89 יאר, איז ער נפטר געווארן. ר' מרדכי איז געווען איין יאר עלטער ווי דער חפץ חיים איז דעמאלט געווען אין די יאר ווען ער איז שטארק נישט געזונט געווען, ל"ע.

ביי ר' מרדכי'ס לוויה, האט ר' משה דערציילט זיין טאטע'ס מעשה מיט דעם חפץ חיים דאס ערשטע מאל ברבים. אין מיטן דעם הספד, נאך ר' משה האט גענדיגט דערציילן די מעשה, האט ער געזאגט: "מיין טאטע איז געווען א גרויסע עניו, וועגן דעם האט ער קיינמאל נישט דערציילט פאר קיינעם דעם מעשה. אבער מיין טאטע האט יא געוואלט מרפסם זיין דעם מעשה צוליב איין סיבה: כדי צו וויזן פאר די וועלט די קדושה און גדלות פון זיין רבי דעם חפץ חיים, זצ"ל.

ס'איז אינטערעסאנט צו צולייגען אז ווען ר' מרדכי איז פלוצלינג נפטר געווארן אויף א דאנערשטאג, איז זיין עלסטע זון ר' משה נישט געווען אין שטאט. מען האט געהאט א שאלה אויב מען זאל שיקן די ארון קיין ארץ ישראל כדי צו מאכן די לוויה פאר שבת, אדער צוווארטן ביז נאך שבת כדי זיין עלסטע זון זאל קענען זיין ביי די לוויה. די משפחה האט געפרעגט הרה"ג ר' שמואל קאמניקי שליט"א, ראש ישיבה פון ישיבת פילאדעלפיע וואס צו טון. ער האט געענפערט אז עס איז כדאי צו ווארטן א פאר טעג כדי ר' משה זאל קענען זיין ביי די לוויה. די משפחה האט געזעהן די סייעתא דשמיא פון ר' שמואל שליט"א'ס פסק. ווייל טאמער ר' משה וואלט נישט געקענט קומען צו די לוויה, עס קען זיין אז די מעשה וואלט קיינמאל נישט מתפרסם געווארן.

מען קען ארויסלערנען פון דעם מעשה דעם וויכטיגקייט אין גלייבן אין די צדיקי הדור. מען ליינט וועגן דעם ענין אין די פרשה. משה רבינו ע"ה איז ארויפגעגאנגען אויף בארג סיני ווען די אידן האבן מקבל געווען די הייליגע תורה פונעם אייבערשטען. עס ליגט אין דעם א געוואלדיגע מוסר השכל. איינער וואס שטייט אויף א בארג קען זען ווייט. אויב איינער וויל וויסן וועלכע וועג איז א גוטע וועג, ער קען פרעגן דעם מענטש וואס שטייט אויפן בארג, ווייל יענער מענטש זעט אלעס, און ער ווייסט למשל, אז אפילו איין וועג קוקט אויס בעסער, באמת איז יענע וועג וועט גראדע נישט גוט. א צדיק, וואס שטייט אויף א העכערער רוחניותדיגע פלאץ האט א כח צו זען. דורך דעם, קען דער צדיק געבן עצות וואס צו טון אין לעבן.

זייט משה רבינו ע"ה, באשטימט דער באשעפער אין יעדען דור צדיקים צו פירן כלל ישראל. און דער אייבערשטער געבט פאר א צדיק די סייעתא דשמיא צו פירן אידן. אז, ווען מען גייט צו א צדיק צו פרעגן עצות און צו בעטן אז ער זאל העלפן ברענגען ישועות, מען דארף געדענקן אז די ווערטער וואס דער צדיק זאגט זענען די נענסטע ווערטער צו "פי הגבורה!" (דער אייבערשטער אליינס.)

אויב מען רעדט שוין פון קבלת התורה, לאמיר אביסל רעדן פון דעם ענין פון שטיצן אונזערע הייליגע מוסדות התורה בפרט אונזערע הייליגע מרכז הכוללים ד'שיכון סקווירא, בנשיאות של כ"ק מרן אדמו"ר עט"ר שליט"א. עס איז זעלבספארשטענדליך, אבער עס קען נישט שאטן צו דערמאנען נאכאמאל: די כוללים זענען די הארץ פון אונזערע קהילה. ווייל כ"ק מרן אדמו"ר הקוה"ט זצוקללה"ה האט געגרינדעט דעם שטעטל מיט דער כוונה צו מאכן א פלאץ פון קדושה און טהרה. און ווי אזוי קענען מיר זיך פירן ווי עס דארף צו זיין? נאר ווען אונזערע יונגעלייט, די מלמדים, רבי'ס און טאטעס פון אונזערע משפחות זענען זיך מקדש מיט לימוד התורה. וועגן דעם איז יעדער איינער מחויב צו שטיצן דעם כולל וויפיל מען קען!

עס איז נישט דא קיין מער וויכטיג צייט אין די היסטוריה פון כלל ישראל ווי קבלת התורה. אין אמת'ן אריין, יעדן טאג האט מען די בחירה צו מקבל זיין דעם תורה אדער חלילה נישט. אויב מען לערנט וויפיל מען קען דורכ'ן טאג, און מען שטיצט די מוסדות התורה, ווייזט מען אז מען וויל מקבל זיין די תורה. **גוט שבת אלע אידן.**